NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04721

# RETENISHN UN SHPASN

Sima Dawang

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רעטענישן!

רעטענישן?

רעטענישן!

און

שפּאַסן

# רעטעניש און שפּאַס

פון דער סעריע

„וואָקאַבולאַר מיט אַ שמייכל"

צוזאַמענגעשטעלט פון

סימאַ דאַוואַנג

„היים און שול פּאַראיין"
יידישע פאַלקס שולן און פרץ שולן
מאַנטרעאַל
1972

די מאַמע שעפּס האָט געשיקט
אירע שעפּסעלעך אין שול.



ווען זיי זײַנען געקומען דעם
ערשטן טאָג צוריק פון שול,
פרעגט זי זיי, וואָס האָבן זיי
געלערנט?
דער ערשטער האָט געזאָגט:
„ב ע ע ע ע ע ״ . . . די מאַמע איז געווען
צופרידן. „און דו? — פרעגט זי דעם
צווייטן: „ מ ו ו ו ו ו ו ״. — ענטפערט דאָס
שעפּסעלע, — איך האָב געלערנט
אַ פרעמדע שפּראַך!״

הערשל: דאַני, דו האָסט ליב די לעקציע
פון צייכענען?
דאַני: יאָ, עס איז פײַן! אָבער די
לערערין געפעלט מיר ניט.
איך האָב געצייכנט אַ פערד
און זי האָט ניט געוואוסט
וואָס דאָס איז!

„ביסט אַ גוט ייִנגעלע?"
„ניין! מײַן מאַמע וואָלט מיר
ניט געלאָזן זיך שפּילן
מיט אַזאַ ווי איך בין!"

וי מאַכט מען פֿײַער
מיט צוויי שטעקעלעך?

איינס פון די צוויי שטעקעלעך
דאַרף זײַן אַ שוועבעלע!

די מומע ווּיקלט אײַן אַ מתּנה
פֿאַר איר פּלימעניק צו זײַן
געבורטסטאָג. „וואָס האָסטו אים
געגעבן פֿאַר־אַ־יאָרן?״ —
פֿרעגט דער פּעטער.
„אַ טשעק, — ענטפֿערט זי, — ער
האָט דאַן געזאָגט, אַז ער געפֿינט
ניט קיין ווערטער ווי אָפּצודאַנקען,
גיב איך אים דאָס יאָר, אַ ווערטערבוך!״

1. עס איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס
דו קענסט ניט אויפהענגען
אויף אַ טשוועקל. וואָס איז דאָס?

2. וויפל עקן האָבן צוועלף
מיט אַ האַלבן שטעקנס?

3. וואָס איז דאָס,
וואָס מען קען ניט זען
נאָך איין מאָל?

פאַרוואָס טראָגט דער פײַערלעשער
רויטע שלייקעס? (suspenders)

די הויזן זאָלן ניט
אַראָפּפֿאַלן!

וואָס מאַכט אַ גרעסערן
טומל, ווי אַ קאַץ וואָס
איז פֿאַרקראָכן אויף
אַ בוים?

צוויי קעץ!

7. די פרוי אַרבעט אין אַ קראָם
וואו מען פאַרקויפט צוקערקעס.
זי איז פינף פוס און זעקס
צאָל (inches) די הייך. זי איז צוויי
און פערציק צאָל די ברייט
און זי טראָגט אַ נומער אַכט
שוך. וואָס מיינסטו וועגט
זי?

8. פאַרוואָס לייגט אַ הון
אייער?

9. דאָס האָט אַ צענטער
אָבער ניט קיין אָנהייב
און ניט קיין סוף.

10. וויפל האַרטע אייער, עסט
אויף גלית דער ריז (giant)
אויף אַ פּוסטן מאָגן?

11. וואָס קומט פאָר ווען עס איז
אַ ליקוי־חמה (eclipse)

12. וואָס האָט זעקס פיס און
קען זינגען?

13. וואָס וואַקסט אין דער ערד און
די האָר זײַנען אין דרויסן?

5. קיין אַנדער חיה האָט עס
ניט, וואָס אַ העלפֿאַנד האָט.



6. ווען קען אַ שוואַרצער הונט
אַרײַן אין הויז?

משה: „היי, יצחק, האָסטו געהערט
וועגן דעם קינד וואָס האָט
געטרונקען מילך אַ גאַנצע
וואָך און איז צוגעקומען אין
וואָג פופצן פונט?"

יצחק: „ניין! וועמעס קינד איז עס?"
משה: „דעם העלפאַנדס!"



4. וואָס גייט דורך דער טיר,
אָבער גייט ניט אַרײַן
און ניט אַרויס?

וואָס איז די לעצטע זאַך
וואָס דו הייבסט אויף ווען
דו גייסט שלאָפן?



די פיס פון דיל.

# זוך דעם ענטפער!

14. וואָס איז דער סוף פון אַלץ?

---

15. ווי לאַנג איז אַ שטריקל?

---

16. וואָס איז דײַנס, אָבער אַנדערע
נוצן עס מערער ווי דו?

---

17. דרײַ מענטשן זײַנען געווען
אונטער איין שירעם. קיינער
פון זיי איז ניט געוואָרן נאַס.
ווי האָט עס געקענט זײַן?

---

18. ווען האָבן העלפאַנדן 8 פיס?

---

19. דאָס האָט ציינער, אָבער דאָס
נוצט ניט צום עסן. וואָס איז דאָס?

20. וואו האָט דער האָן געקרייט,
אַז די גאַנצע וועלט האָט אים
געהערט?

21. וועלכע פּרוכטן דערמאָנט מען
אין דער ייִדישער געשיכטע?

22. וועלכער ציפער ווערט גרעסער
ווען מען קערט אים אום?

23. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן
דאָ און דאָרט?

24. עס איז פיר צאָל (inches) די ברייט,
ניַין צאָל די לענג, דריַי צאָל די טיף,
און עס האָט אַ גאַנצן פוס?

25. קיינער קען עס ניט באַזיגן,
ניט באַהערשן. (conquer)

26. שייל מיר מײַן הויט! איך
וועל ניט וויינען. דו זועסט!

27. דאָס איז קלענער ווי אַ מויז
און שטאַרקער ווי אַ הונט וואָס
היט דאָס הויז.

28. ווען קען עלף מיט צוויי
זײַן איינס?

# וואָס איז דאָס?

29. עס פּאַטשט דיר אין פּנים
און דו זעסט ניט ווער?

30. ווען אַן עפּל ליגט
אויף דעם ברעג פון
דער לערערינס טיש, ווי
זעט עס אויס?



פאַרוואָס פליִען די פייגל
אין די וואַרעמע לענדער?

ווײַל עס איז צו ווײַט צו גיין!



נאָר אַ זשיראַפֿע
האָט עס. קיין אַנדער
חיה האָט עס ניט.
וואָס האָט זי?

אַ קליינע זשיראַפע!

וואָס גייט אַרויף,
ווען דער רעגן גייט אַראָפּ?

אַ שירם!

וואָס ווערט מיט
דיין ווײַסן הוט
ווען ער פאַלט
אַרײַן אין רויטן ים?

נאַס!

31. פּאַרוואָס מאַכסטו דײַן לעקציע
פון אַריפמעטיק מיט אַ בלײַער?

32. ווײַס ווי אַ טויב, שוואַרץ ווי אַ
קויל. דאָס רעדט אָבער האָט
ניט קיין צונג. דאָס גייט ווײַט
און האָט ניט קיין פיס.

33. דאָס האָט אַ קאָפּ און
טראַכט ניט. דאָס האָט
פיר פיס און גייט ניט.

די לערערין דערקלערט
דודן, וואָס מיינט דאָס וואָרט
ג ע נ ו ג. „דוד, ווען איך גיב דער
קאַץ אַ שיסל מילך, איז עס
פאַר איר ניט ג ע נ ו ג. ווען איך
גיב איר נאָך אַ שיסל מילך, דאָס
איז שוין ג ע נ ו ג פאַר איר. איצט
פאַרשטייסטו וואָס דאָס מיינט?"

דוד: יאָ, דאָס איז אַ קאַץ פול
מיט מילך!

דער זון צום טאַטן:
„טאַטע, גיב מיר צען
סענט פֿאַר דעם
אָרעמאַן וואָס שרײַט דאָרטן
אין גאַס!"
דער טאַטע: „נאַ דיר מײַן זון!
וואָס שרײַט דער אָרעמער?"

דער זון: „ער שרײַט, — ניסעלעך,
ניסעלעך, צען סענט אַ פּעקעלע!"

# ענטפערס צו די רעטענישן

1. אַן איי
2. זעקס און צוואַנציק (26)
3. דעם נעכטן.
4. אַ שליסל־לאָך.
5. אַ קליינעם העלפאַנד.
6. ווען די טיר איז אָפן.
7. זי וועגט צוקערקעס.
8. ווײַל ווען זי וואָלט זיי אָראָפּגעוואָרפן וואָלטן זיי זיך צעבראָכן.
9. אַ קרײַז.
10. איין איי. נאָך דעם ערשטן איי איז דער מאָגן שוין ניט ליידיק.
11. מענטשן גייען אַרויס אין גאַס קוקן.
12. אַ טריאָ.
13. אַ מערעלע.
14. דער (צ) צדיק. (ץ)
15. צוויי מאָל לענגער ווי זײַן העלפּט.

16. דײַן נאָמען.

17. עס האָט ניט גערעגנט.

18. ווען עס זײַנען דאָ צוויי העלפאַנדן.

19. אַ קאַם.

20. אין נח׳ס קאַסטן.

21. טייטלען

22. זעקס (6)

23. דער ר און ט

24. אַ שוך

25. דער שלאָף.

26. אַ ציבעלע.

27. אַ שליסל.

28. אויפן זייגער,

29. אַ ווינט.

30. עס זעט אויס קײַלעכדיק, רונדיק.

31. ווײַל דער בלײַער וועט עס
ניט מאַכן אַליין.

32. אַ בריוו.

33. אַ בעט.

ISBN:0-657-04721-X